# פרשת כי תצא ג׳ - ט׳ אלול תש״פ לפ״ק

***יום ראשון פרשת כי תצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** למחנינו ׳עדת יראים׳ בפארקסוויל. בתחלה הגיע **רבינו שליט״א** לבנין כתות ט׳ שבקרב המחנה, והתפלל תפלת מנחה יחד עם הבחורי חמד, אחר כך עברו הבחורים לברכת שלום.

אחר תפלת מנחה עבר **רבינו שליט״א** לבנין הבית המדרש במחנה עדת יראים, שם התקיים מעמד קבלת פנים. המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט״א קידם בדברים את פני **רבינו שליט״א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט״א** דברות קודש לתלמידי המחנה. עם סיום הדברות קודש עברו מאות ילדי ובחורי המחנה לפני **רבינו שליט״א** לברכת שלום.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע בחורים און די חשובע קינדער, וואס געפונען זיך דא דעם גאנצען זומער, מיט זייערע חשובע מגידי שיעורים און מדריכים, און אלע וואס האבן א חלק אין די עבודת הקודש. איך באקום ב״ה זייער שיינע גריסן דעם גאנצן זומער ווי פלייסיג מען האט געלערנט, און ווי אזוי מען האט געדאווענט. און מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען על העבר, און מען דארף בעטן על העתיד, עס זאל נישט פארשטערט ווערן ווייטער אויך, מען זאל קענען שטייגען אין תורה און עבודת ה׳.

**די** וואך אין די פרשה איז דא צוויי פרשיות אין די תורה, וואס אין משנה תורה דרשנ׳ט מען סמוכין. די ערשטע פרשה איז, אז א בכור באקומט פי שנים. מען צוטיילט די פארמעגן פונעם פאטער, און דער עלטסטער קינד באקומט א דאפעלטן חלק פון די אנדערע. עס איז דא א שיינע רמז פונעם **גר״א**, אז די ווארט ׳בכר׳ אליין, ווייזט דערויף אז ער באקומט פי שנים. דער אות ב׳ איז דאפעלט פון זיין פריערדיגען אות. פאר דעם איז דא א א׳ וואס איז איינס, און ב׳ איז דאפלט. דער כ׳ איז א דאפעלטע מספר פון זיין פריערדיגען אות. פאר דעם איז דא א י׳, צען, און דאס איז צוואנציג. דער ר׳ איז אויך א דאפעלטע מספר פון די ק׳ וואס איז פאר דעם. א בכור איז נוטל פי שנים.

**אין** די מפרשים שטייט, אז דער טעם דערפון איז, יעדע עלטסטע קינד אין שטוב גיט די הדרכה פאר די איבריגע קינדער, ווי אזוי די שטוב זאל אויסקוקען שפעטער. אויב דער עלטסטער קינד פירט זיך אויף שיין און ערליך, ווילן די איבריגע קינדער נאכגיין נאך דעם וועג וואס מען זעהט ביי דעם עלטערן ברודער. באצאלט דער טאטע שפעטער פאר דעם בכור, וואס ער איז געווען דער וועגווייזער פאר די איבריגע קינדער, באקומט ער פי שנים.

**די** צווייטע פרשה נאכדעם איז פון א בן סורר ומורה. א קינד וואס איז אלט דרייצען יאר, און ער האט צוגענומען געלט פונעם טאטען, און ער איז געגאנגען און ער האט זיך געקויפט א שטיקל פלייש, און ער האט געטרינקען וויין, זאגט די תורה אז מען זאל הרג׳ענען דעם קינד. פארוואס, פאר א ביסל וויין הרג׳ט מען נאכנישט. און פאר גנב׳נען הרג׳ט מען אויך נישט. פארוואס הייסט די תורה אז מען זאל הרג׳ענען דאס קינד. זאגט רש״י (כא-יח), הגיעה תורה לסוף דעתו, ווען מען הייבט אן דאס לעבן אן א אחריות, נעמען יענעמס געלט, זיך ארייןלייגען אין תאוה, עסן און טרינקען, וועט דער סוף זיין אז ער וועט זיך אזוי געוואוינען אין זיינע שפעטערדיגע יארן אויך, און שפעטער וועט ער אויסוואקסען א גנב און א גזלן, ער וועט הרג׳נען מענטשען, כדי ער זאל קענען האבן וואס ער דארף. ימות זכאי ואל ימות חייב, ענדערש זאל ער שטארבען ווילאנג ער איז נאך ערליך, ווי ער זאל שטארבען שפעטער, ווען מען וועט אים הרג׳נען ווייל ער האט עובר געווען אויף עבירות.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז א בכור ווייזט אויף די חשיבות פונעם ראשית. ער איז דער ערשטער קינד, כי הוא ראשית אונו, האט אים די תורה געגעבן א דאפלטען חלק. די זעלבע איז אויך דא אין די יארן פון א מענטש, עס איז דא די יארן וואס איז די בכור פונעם מענטש. ער ווערט בר מצוה, ער קומט אריין לעול המצות, איז די ערשטע פרק אין זיין לעבן, דאס איז די בכורה פון זיין לעבן. און דער בכור דארף זיין הייליג פארן אייבערשטען, דער בכור האט א קדושה, און די זעלבע איז די ראשית יארן וואס מען האט, דאס דארף האבן א קדושה אין זיך. ווייל דאס איז דער וועג ווייזער אויף זיינע יארן שפעטער. אויב מען איז מצליח אין די יונגע יארן, וואקסט מען אויס א

נארמאלער בחור, א נארמאלער יונגערמאן, און מען וואקסט שפעטער אויס א בן תורה, און מען פירט א שיינע ערליכע יודישע שטוב. אז מען פאראהאנקערט זיך ווען מען איז יונג, האט מען פאראהאנקערט דאס גאנצע לעבן. די תורה האט צוזאמגעשטעלט די פרשה פון בכור וואס בכור ווייזט אויף די חשיבות פונעם אנהייב וואס ער איז ראשית, וואס די זעלבע דארף זיין אין די יארן פונעם מענטש אויך. און א בן סורר ומורה וואס הייבט אן זיין לעבן מיט אזא קרומקייט, אז ער איז מלסטים את הבריות, ער נעמט צו געלט, עסן פלייש און טרינקען וויין, זיין א זולל וסובא, איננו שומע בקולנו, ער פאלגט נישט וואס טאטע און מאמע זאגן, ער לייגט זיך אריין אין עסן און טרינקען, זאגט די תורה, אויב ער האט פארהרג'ט זיינע יונגע יארן, וועט ער אזוי בלייבען זיינע יארן שפעטער אויך, ימות זכאי ואל ימות חייב. - און די גמרא (סנהדרין עא.) זאגט, אז די פרשה פון בן סורר ומורה, איז קיינמאל נישט אויסגעקומען אז מען זאל דארפן אזוי טון למעשה, אבער דרוש וקבל שכר, מען דארף דרש'נען די פרשה, און זיך אראפלערנען דערפון ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן ביי די יונגע יארן.

*

**עס** איז דא א גרויסע מספר פון בחורים וואס ענדיגען כתה ט', און זיי גייען יעצט אריין אין ישיבה. איך פארשטיי אז מען האט גערעדט צו די בחורים, עס איז שוין געווען שמועסן אויף די איבערגאנג פון אריינגיין אין ישיבה. - מען זאגט חודש אלול יעדן טאג נאכען דאווענען, אין די קאפיטל פון לדוד ה' אורי (תהלים כז-ד), אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש, איין זאך בעהט איך פונעם אייבערשטען, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, איך זאל קענען זיצען אינעם בית ה' מיין גאנץ לעבן, לחזות בנועם ה', איך זאל זעהן די זיסקייט פונעם אייבערשטען, ולבקר בהיכלו, און איך זאל קענען באזוכן אין זיין היכל. די שאיפה פון א בחור ווען ער גייט אריין אין ישיבה לערנען דארף זיין, אחת, איין שאיפה, שבתי בבית ה' כל ימי חיי, אז מען גייט לערנען. אויב וויל מען האבן עולם הזה, און מען וויל לערנען 'אויך', ער האט צוויי כוונות, דער איז נישט מצליח. ווען מען גייט אריין לערנען אין א ישיבה דארף עס זיין אחת שאלתי מאת ה', האבן איין שאיפה, איין זאך אינטערעסירט מיך, אויסצוואקסען א תלמיד חכם, און א ערליכער יוד.

און אויף דעם גיי איך אוועקגעבן די פאר יאר וואס מען דארף האבן, ימי בכורה, די יונגע יארן וואס מען האט, כדי איך זאל מצליח זיין. אחת, עס איז נאר דא איין זאך, אותה אבקש, איך זוך נישט עפעס אנדערש, נאר שבתי בבית ה' כל ימי חיי.

**מען** זאגט נאך, אז א טאטע איז אמאל געקומען צו א צדיק, און ער האט געבעטן אז ער זאל אנוואונטשען, אז זיין קינד זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם, און א ערליכער יוד. האט דער רבי געזאגט, אז דאס קען מען דאך נישט אנוואונטשען פאר יענעם, צדיק ורשע לא קאמר (נדה טז:), דאס איז דאך א בחירה. יעדער איינער דארף זיך אויסקלויבן וואס פאר א וועג ער וויל, מען קען נישט געבען פאר יענעם א ברכה. וואס קען מען יא געבן א ברכה, מען קען געבן א ברכה פאר יענעם, אז ער זאל זוכה זיין צו שפירן די זיסקייט פון תורה, והערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו. אז מען שפירט די זיסקייט פון תורה, לערנט מען, און אז מען לערנט, וואקסט מען אויס א ערליכער יוד. ווילאנג מען שפירט נישט די מתיקות פון תורה, האט מען נישט קיין חשק צו לערנען, אבער אז איך וועל מתפלל זיין אז דער באשעפער זאל אים געבן חשקות התורה, ער זאל שפירן א זיסקייט אין דעם וואס ער לערנט תורה, וועט ער אויסוואקסען ווי עס דארף צו זיין.

**אחת** שאלתי מאת ה' אותה אבקש, איך בעהט פונעם אייבערשטען, אז שבתי בבית ה' כל ימי חיי, אז איך זאל זיצען א גאנץ לעבן אין בית המדרש. קומט צו דעם צו נאך א תפלה, לחזות בנועם ה', איך זאל שפירן די זיסקייט, די בא'טעמט'קייט, פון תורה, די בא'טעמט'קייט פון א דאווענען, זיך אויסצושמועסן מיטן רבונו של עולם, די בא'טעמט'קייט פון זיין א ערליכער יוד, וואס זיין גאנץ לעבן איז מיט מדות טובות. ווען עס וועט זיין דער לחזות בנועם ה', איך וועל זוכה זיין צו זעהן די זיסקייט פון תורה, וועט זיין שבתי בבית ה' כל ימי חיי.

**און** ער ענדיגט ולבקר בהיכלו. מיר זאלן האבן איין ציל, באזוכן נאר אינעם היכל פונעם אייבערשטען. מען קומט דאך אריין אין שטאט, עס איז דא א לאנגער בין הזמנים. **ווילאנג מען דרייט זיך ארום אויף די גאסען, מען דרייט זיך ארום אויף פלעצער ווי מען דארף נישט, איז מען פול מיט נסיונות, מען קען**

**נישט בלייבען ערליך. ווען א מענטש זוכט נאר איין פלאץ, א בית המדרש. א גאנצע טאג, וואו איך וועל גיין, אפילו איך וועל דארפן פארברענגען מיט מיין חבר, וועל איך זיין אין בית המדרש, נישט אויף די גאס, דעמאלטס ווייסט מען אז מען פירט זיך ערליך. אויסער די צוויי פלעצער, די שטוב וואו מען וואוינט, און דער בית המדרש, דארף א בחור נישט אריינגיין אין ערגעץ. אדער איז מען אינדערהיים, אדער איז מען אין בית המדרש. דעמאלטס איז ער אפגעהיטן, אז ער פירט זיך אויף ערליך.** ווען עס וועט זיין ולבקר בהיכלו, אלע מיינע וויזיטן וועט זיין נאר אין היכל פונעם אייבערשטען, וועט זיין שבתי בבית ה' כל ימי חיי.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען איז געווען דא דעם זומער, מען האט אזויפיל קונה געווען אין תורה, עבודה, תפלה, און מדות טובות, חסד וואס מען טוט איינער מיטן צווייטען, זאל מען קענען די אלע זאכען מיטנעמען מיט זיך אויף שפעטער, עס זאל זיין א גוטע הכנה אויפן קומענדיגען יאר, מען זאל שטייגען אין תורה און עבודת ה'. דער אייבערשטער זאל געבן פאר אונז אלע, אז מיר זאלן געבענטשט ווערן מיט א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, א פרייליך יאר און א לוסטיג יאר. דער באשעפער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבנו לטובה, און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת כי תצא***

*אחר תפלת מעריב הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל סעודת הודאה של נכדתו (בת הרה"ג רבי ישעי' טירנויער שליט"א, ר"מ בישיבתנו הק'), שנתרפאה אחר שנחבטה בעיניה לפני זמן.*

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**די** פרשה די וואך הייבט זיך אן מיט די מצוה פון יפת תואר. ווען מען גייט ארויס אין א מלחמה, וראית בשביה אשת יפת תואר, וחשקת בה ולקחת לך לאשה (כא-י). רש"י זאגט, לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע, די תורה האט מתיר געווען צו נעמען א יפת תואר, ווייל א מענטש האט א יצר הרע, און די תורה האט אפגעשאצט אז אויב מען וועט נישט מתיר זיין דעם איסור, וועט א מענטש עובר זיין, און עס נעמען באיסור, האט די תורה מתיר געווען, און געגעבן די מצוה פון יפת תואר.

**אין** די מפרשים שטייט, אז עס ליגט אין דעם א געוואלדיגער מוסר השכל פאר א מענטש. יעדער ווייסט אז דער כח פונעם יצר הרע איז זייער גרויס, יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום, יעדן טאג איז זיך דער יצר הרע מתגבר אויפן מענטש, צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו (תהלים לז-לב), דער רשע, דער יצר הרע, איז צופה אויף דעם ערליכען יוד, ער וויל אים הרג'ענען, ואלמלא הקב"ה עוזרו, לא היה יכול לו (קידושין ל:), ווען דער אייבערשטער וואלט אים נישט געהאלפן, וואלט מען נישט געקענט בייקומען דעם יצר הרע. ה' לא יעזבנו בידו, דער אייבערשטער לאזט נישט אז א מענטש זאל אדורכפאלען. דאס איז טייטש, אז ביי יעדן נסיון וואס א מענטש האט, האט ער א עזר אלקי. אפילו אויב עס איז שווער, אויב דו ווילסט באמת זיך פירן ערליך, האסטו א כח אז דו וועסט עס קענען טון. הבא לטהר מסייעין אותו (שבת קד.), ווען א מענטש וויל זיך פירן ערליך, העלפט מען אים צו פון הימל.

**א** ראיה דערויף אז עס איז דא א עזר אלקי, איז פון די פרשה. ביי אלע תרי"ג מצות האט די תורה נישט מתיר געווען צו זאגען, אז עס איז צו א גרויסע נסיון פאר דיר, אפשר וועסטו עס נישט קענען ביישטיין, איך וועל דיר מתיר זיין, דו מעגסט טון א איסור. קיין איין איסור אין די תורה האט די תורה נישט מתיר געווען, נאר די פרשה אליין. דא האט די תורה געשפירט אז דאס איז איבער די כוחות פון א מענטש, אז ער זאל זיך קענען מתגבר זיין, און ער זאל נישט עובר זיין, האט די תורה עס מתיר געווען.

**די** לימוד דערפון איז, אז אין די גאנצע תורה וואו די תורה האט נישט געגעבן אזא היתר, איז א סימן אז דו האסט די כוחות זיך מתגבר זיין דערויף, ווייל טאמער דו וואלסט נישט געקענט האבן די כוחות זיך מתגבר צו זיין, וואלט די תורה געגעבן א היתר דערויף. ווייל איך זעה אז די תורה האט מתיר געווען די פרשה, ווייל ער וועט נישט קענען עומד בנסיון זיין. איז דער לימוד מוסר השכל, כי תצא למלחמה על אויביך, ווען א מענטש האט א מלחמה, עס גייט ארויף אויפן אויב הפנימי, דער יצר הרע וואס איז דער אויב פונעם

מענטש, געדענק די פרשה, אז די תורה האט נישט מתיר געווען נאר די איינע זאך, ווייל דאס איז א זאך וואס א מענטש וועט נישט קענען עומד זיין. און דאס לערנט אונז, דאס גיט א עידוד און א חיזוק פאר יעדן איינעם, אז וואס פאר א נסיון ער האט, זאל ער וויסן אז ער האט א כח אז אויב ער וויל זיך מתגבר זיין, קען ער זיך מתגבר זיין דערויף.

*

**מען** האט פריער דערמאנט דעם פסוק (תהלים קז-מג) מי חכם וישמר אלה ויתבוננו חסדי ה'. עס איז א סעודת הודאה, מיין חשובע אייניקל איז אדורכגעגאנגען אויף די אויג, די חשובסטע אבר וואס דער מענטש האט, און ב"ה דער אייבערשטער האט געהאלפן אז אלעס איז ב"ה ווי עס דארף צו זיין, איז עס א סעודת הודאה. - עס איז אויסגעקומען אז די סעודת הודאה איז סוף פונעם זמן, און געוועגליך מאכט מען א סעודת הודאה צווישן די משפחה, קינדער און געשוויסטער, און דא האט מען געמאכט א סעודת הודאה צווישן די תלמידים. איך פארשטיי אז מן הסתם זענט עטץ די חשוב'סטע קינדער ביים מגיד שיעור. ער גיט זיך מער אוועק פאר ענק, ווי פאר די אייגענע קינדער. אז מען מאכט אזא מסיבה מיט די משפחה, האט ער אויסגעקליבן, ווער איז מיין משפחה, די מיט וועם איך האב זיך געפלאגט א גאנץ יאר. און מען האט זיך נישט געפלאגט אומזיסט, איך זעה ב"ה אז מען האט מצליח געווען, איך באקום אזעלכע שיינע גריסן שטענדיג פון די כתה, ווי פלייסיג מען לערנט, און ווי ווייט מען איז געשטיגען. ווען א בחור קוקט ווי אזוי ער האט אויסגעקוקט מיט א יאר צוריק, און ווי אזוי ער קוקט אויס היינט, איז עס אינו דומה, ווי ווייט ער איז נתעלה געווארן. האט ער געמאכט די סעודת הודאה צווישן די גוטע פריינט.

**אבער** עס איז אויך א סעודת הודאה פאר אונז אלע, יעדער דארף דאנקען דעם אייבערשטען. מען איז אדורך א יאר, און ב"ה אז מען שטייט דא, מען איז געזונט, מען קען זיצען און לערנען, און מען איז געשטיגען אין תורה, דארף מען אויף דעם דאנקען דעם רבונו של עולם.

**די** קאפיטל פון הודו לה' כי טוב, וואס ענדיגט זיך מיט די פסוק מי חכם וישמר אלה, איז דאך געשטעלט געווארן אויף די ארבעה צריכין להודות, אויף די פיר סארט זאכען וואס מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען. א חולה שנתרפא. די וואס זענען יורדי הים באניות, די הולכי מדבריות, און א יוצא מבית האסורים. אבער באמת, דארף מען דען דאנקען דעם אייבערשטען נאר ווען א מענטש האט געהאט א פראבלעם, און נאכדעם האט אים דער אייבערשטער געהאלפן פון דעם פראבלעם?! און ווען דער אייבערשטער האט אים מעיקרא נישט צוגעברענגט צו דעם פראבלעם, און ער איז געזונט, ער האט נישט געדארפט אדורכגיין א אפעראציע, דארף ער נישט דאנקען דעם אייבערשטען?! ער דארף דאך אסאך מער דאנקען דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט מיר געהאלפן, אז איך בין געזונט און שטארק, און איך האב נישט געדארפט אדורכגיין וואס אנדערע גייען אדורך, אויף דעם אליין דארף מען דאך א הודאה. נאר בדרך כלל דער מענטש כאפט נישט, עס איז א זאך וואס גייט טאג טעגליך, מען איז צוגעוואוינט אז עס קומט זיך אזוי, מען נעמט אלעס פאר גרענטי"ט, עס קומט זיך מיר אלעס. נאר ווען עפעס גייט נישט כשורה, דארט שטעלט ער זיך אפ.

**עס** שטייט אין די מפרשים, ווען מען ענדיגט הודו לה' כי טוב, אז מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, כי לעולם חסדו, אייביג איז דא א חסד פונעם באשעפער. און ער רעכנט אויס, דער האט געהאט דעם פראבלעם, און דער באשעפער האט אים געהאלפן. דער האט געהאט דעם פראבלעם, און דער באשעפער האט אים געהאלפן, זאגט מען נאכדעם, 'מי חכם', דער וואס איז א חכם, 'וישמר אלה', אפילו ווען ער איז געווען אויסגעהיטן פון די אלע זאכען, 'ויתבוננו חסדי ה'', איז ער זיך מתבונן אין די חסדי ה'. ער איז זיך נישט מתבונן אין דעם חסד וואס דער אייבערשטער טוט, נאר ווען מען גייט אדורך די אלע זאכען. נאר אפילו ווען ער איז אויסגעהיטן געווארן פון די אלע זאכען, ערשט דעמאלטס דארף ער זיך מתבונן זיין אין די חסדי ה'.

**מען** פארציילט נאך, אז עס איז אמאל געווען א יוד, וואס איז געקומען אין בית המדרש, און ער האט געברענגט תיקון. האט מען אים געפרעגט, וואס איז, דו האסט יארצייט? זאגט ער, ניין. וואס איז דער תיקון? זאגט ער, איך בין נעכטען אדורכגעגאנגען די

גאס צו קומען אין בית המדרש, און א קאר האט מיר א קלאפ געגעבן, און ב"ה עס האט גארנישט פאסירט, איך בין אויפגעשטאנען, און איך האב געקענט קומען אין בית המדרש, דאנק איך דעם רבונו של עולם, געב איך תיקון פארן עולם. דעם אנדערן טאג קומט א צווייטער יוד, און ער ברענגט אויך תיקון אין בית המדרש. פרעגט מען דעם יוד, איר האט יארצייט? זאגט ער, ניין. איר האט אפשר געהאט א עקסידענ"ט? זאגט ער, ניין. נו וואס איז דער תיקון? זאגט ער, אויף די גאס וואו דער יוד איז נעכטען אדורכגעגאנגען און ער האט געהאט א עקסידענט, די גאס גיי איך שוין אדורך צוואנציג יאר אנצוקומען אין בית המדרש, און ב"ה איך האב קיין איין טאג נישט געהאט א עקסידענט, און אויף דעם געב איך תיקון, אויף דעם דאנק איך דעם אייבערשטען.

**מען** דאנקט נאר דעם אייבערשטען, ווען עס געשעהט א עקסידענט, און מען איז געזונט. וויפיל דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען אז צוואנציג יאר גייט ער אדורך אויף דעם גאס, און עס האט אים גארנישט פאסירט. מי חכם, ווער עס איז א חכם, וישמר אלה, און ער איז אויסגעהיטן פון די אלע זאכען, און פון דעסטוועגן דאך ויתבוננו חסדי ה'. - עס איז געווען אזעלכע זמנים וואס מען איז אדורכגעגאנגען אין משך פון דעם יאר, און ב"ה מען איז געזונט און מען זיצט און מען לערנט, און מען שטייגט אין תורה, דארפן מיר אלע מאכען א סעודת הודאה. איינער מאכט א סעודת הודאה, ווייל ער איז אדורכגעגאנגען א פראבלעם, און איינער מאכט א סעודת הודאה אז ב"ה איך האב געהאט א גאנץ יאר וואס איך בין נישט אדורכגעגאנגען וואס אנדערע זענען אדורכגעגאנגען. ויתבוננו חסדי ה', מען דארף זיך מתבונן זיין אין די חסדי ה', און שטענדיג דאנקען פארן אייבערשטען.

**אונז** אלע דארף מיר געבן א עקסטערע הודאה פארן מנהל, עטץ האטס אסאך צו פארדאנקען פארן מנהל, אז מען זעהט אזוי אויס, און די ישיבה זעהט אזוי אויס, און עטץ זעהטס אזוי אויס. זאל דער באשעפער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל זיך קענען צוזאמקומען פריילכערהייט, מתוך שמחה, און הערן נאר גוטע בשורות שטענדיג איינער ביים צווייטען, זעהן ווייטער אסאך יודיש נחת ביי אלע קינדער מתוך שמחה וטוב לבב. דער באשעפער זאל געבן פאר אונז אלע, אז מיר זאלן קענען ווייטער שטייגען, און מיר זאלן אלע האבן א גוט געבענטשט יאר, א כתיבה וחתימה טובה, און אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

*יום שלישי פרשת כי תצא*

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **פנחס קאהן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נכנסו תלמידי הישיבה קטנה אצל **רבינו שליט"א** להיבחן על פרקי מסכת גיטין שלמדו במשך השנה.

*

*יום רביעי פרשת כי תצא*

אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לרגל היארצייט של האשה החשובה מרת קיסנער ע"ה (מאנטריאל, אחות הרבנית מוואדקערט ע"ה, חמותו של **רבינו שליט"א**, שלא הניחה זרע של קיימא).

בשעות אחר הצהרים התקיים במעון קדשו של **רבינו שליט"א** אסיפת מנהלי מוסדותינו וישיבתנו הק' די בכל אתר ואתר, בה דנו במשך כמה שעות בכובד ראש בעצה ותושיה, בסידור סדר הלימודים במשך שנות הנעורים, להיותם גדושים בלימוד התורה בש"ס והלכה, עניני מדות טובות ויראת שמים, שיזכו התלמידים להתגדל כראוי וכיאות, ולבנות אדני ביתם ביסודות וקנינים איתנים שקנו במשך שנות הלימודים בתלמוד תורה והיכלי הישיבה.

*

*ערב שבת קודש פרשת כי תצא*

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אלכסנדר שניטצער** הי"ו, שהתקיים במחנה באבוב 45.